# אונזער קולטור־ארבייט.

די קולטור־ארבייט איז ביי אונז, יודען, שטענדיג געשטאנען אויפ'ן ערשטען ארט. דאס פאלק האט איהר געשענקט זיין גרעסטע אויפמערקזאמקייט. דאס יודישע פאלק האט זיין עקזיסטענץ פערבינדען מיט זיין קולטור אויף אזוי פיל, אז עס האט ארויסגעוויזען א געוואלדיגען צופאסונגס־כח צו די פערשידענסטע תנאים פון זיין היסטארישען לעבען. עס האבען זיך ביי איהם אויסגעארבייט בעזונדערע, אייגענארטיגע פארמען פון קולטור־לעבען, קולטור־שאפען און פאלקס־בילדונג.

יעדער האט זיך גערעכענט מסוגל צו ווערען א מלמד, יעדע דירה האט געקאנט פערוואנדעלט ווערען אין א „חדר“, און יעדער שטוב האט מען געקאנט איינארדנען א מנין, יעדע שול איז געווען א מקום תורה, א בית־המדרש. דער בית־המדרש איז געווען נישט נאר א מקום תפלה, נאר אויך אן ארט פון לערנען. אין בית־המדרש לערנען אלע: די וואס קאנען אליין, לערנען אליין, די וואס קאנען נישט, זיצען ביי די גרויסע טישען און הערען ווי מען לערנט פאר זיי.

אזעלכע איינפאכע פארמען פון דעם קולטור־לעבען און פאלקס־בילדונג האבען געשאפען די מעגליכקייט איינצוארדנען די קולטור־ארבייט אומעדום און צו יעדער צייט.

די דאזיגע טראדיציאנס־פארמען הייבען אבער אן אפצולעבען. זיי זענען געווען גילטיג נאר דאן, ווען אלע פארמען און בעדינגונגען פון אונזער גאנצען לעבען זענען נאך געווען איינפאך, נישט קאמפליצירט; זיי זענען געווען צוגעפאסט צו יענער צייט, ווען עס איז נאך געווען מעגליך זיך אויסצולעבען נאר אין דער יודישער גאס, ווען יודען האבען נאך געקאנט נישט האבען קיין שום שייכות צו דער ארומיגער קולטורעלער סביבה פון די „אומות העולם“.

זיי מוזען שוין אבער פערלירען זייער קראפט אין א צייט, ווען

21

דער יוד הויבט שוין אָן זיך אַרויסצורייסען אויף דער ברייטער וועלט; ווען ער מוז זיך אָנהויבען צופּאַסען צו נייע לעבענס- און קולטור-פאָרמען, ווען דאָס לעבען אַליין הויבט-אָן צו פאָדערען פון יעדען איינציגען אַנ׳אַלגעמיינע בילדונג.

און ביסלעכווייז, פערשטעהט זיך, דורך אַ לאַנגען קאַמף, ווערט בערעכטיגט ביי יודען די נויטיגקייט פון אַלגעמיינער בילדונג פאַר יודישע קינדער, עס ווערט אויך בערעכטיגט די עקזיסטענץ פון אַלגעמיינע שולען אין דער יודישער גאַס.

די ביז-איצטיגע, אָנגענומענע פאָרמען ווייזען זיך אויס פאַר אָבגעלעבטע. דער געדאַנק, אַז יעדע שטוב קאָן זיין אַנ׳אָרט פאַר אַ „חדר“, און יעדער יוד איז פעהיג צו זיין אַ מלמד, האַלט שוין איצט ביי קיינעם נישט אויס קיין קריטיק. דער פריהערדיגער קולטורעלער אינהאַלט קאָן שוין אויך נישט בעפריעדיגען די איצטיגע לעבענס-פאָדערונגען.

אפילו אין די אָבגעשטאַנענסטע יודישע קרייזען איז שוין דורכגעדרונגען דער געדאַנק, אַז אַ לעהרער מוז האָבען אַ געוויסע ספּעציעלע פאָרבערייטונג, אויסער זיין אַלגעמיינער בילדונג. עס הויבט שוין אָן ווערען פערשטענדליך, אויף וויפיעל עס זענען נויטיג לעהרער-סעמינאַרען און קורסען אויף מחנך צו זיין לעהרערס. עס קריגט ביים עולם אַנ׳אַלגעמיינע הסכמה די שול-גראַדאַציע מיט איהרע ספּעציפישע פאָדערונגען. די גאַס אונטערשיידעט שוין פון אַ גן-ילדים ביז אַ פאָלקס-שול און די לעצטע פון אַ מיטעל-שולע. מיט איין וואָרט: אונזער עולם הויבט-אָן איבערצוגעהן צו די היינטוועלטיגע פאָרמען פונ׳ם אַלגעמיינעם קולטור-לעבען.

---

# פּריוואַטע און געזעלשאַפטליכע שול-בויאונג.

די נייע קולטור-פאָרמען שטעלען פאַר אונז אַרויס נייע פראַגען אין דער שול-אָרגאַניזאַציע.

אויב עס פאָדערט זיך אַ לעהרער מיט אַ ספּעציעלער פּאָרבערייטונג, טאָ ווער זאָל זיך מיט דעם בעשעפטיגען? ווער זאָל אָט די לעהרער-סעמינאַריומס גרינדען? אויב די שולע דאַרף געגרינדעט ווערען אויף פּעדאַגאָגישע יסודות — טאָ ווער זאָל זיך מיט דעם בעשעפטיגען?

ביז איצט, זעהען מיר, עקזיסטירען נאָך פּריוואַטע חדרים און פּריוואַטע פאָלקס- און מיטעל-שולען.

צי קאָנען די פּריוואַטע שולען בעפרידיגען די אַלע געזעלשאַפטליכע און פּעדאַגאָגישע פאָדערונגען, וואָס ווערען איצט אַרויסגעשטעלט?

צי קאָנען זיי ווערען דער ערציהונגס-אינסטיטוט, וועלכער זאָל באמת ערציהען אַ קערפּערליך און גייסטיג ענטוויקעלטע יוגענד?

אַריינטראַכטענדיג זיך אין דער פראַגע ווי געהעריג, מוז מען קומען צום בעשלוס, אַז אַזאַ ערציהעריש-פּעדאַגאָגישע אויפגאַבע, אין אמת'ן זין פון וואָרט, איז נישט לויט דעם כח פון אַ פּריוואַטער שול-אונטערנעהמונג.

די פּריוואַטע שולען האָבען יעצט אַ כאַראַקטער פון קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעהמונגען. אַזעלכע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעהמונגען, וואָס ווערען געגרינדעט פון איינצעלנע פּערזאָנען צוליב פּערזענליכע צוועקען, שטרעבען, קודם-כל, צו בערעכטיגען די קאַפּיטאַלען, וואָס די אונטערנעהמער לעגען אין זיי אַריין. קומען צו יחידים-אונטערנעהמער מיט גרויסע ערציהערישע און פּעדאַגאָגישע פאָדערונגען, הייסט, זיך לעכערליך מאַכען אין די אייגענע אויגען.

אַזעלכע שולען קאָנען אויך נישט בעפרידיגען דעם גרויסען המון. נאָר פאַר רייכע און פערמעגליכע ווערען אַזעלכע שולען געבויט. די רייכע און פערמעגליכע „מאַכען זיך שבת פאַר זיך״, בעזאָרגענדיג נאָר זייערע קינדער, פערגעסענדיג דערביי, אַז מיט דעם לאָזען זיי איבער דעם גרויסען המון אויף הפקר. פאַר דעם גרויסען המון, האַלטען זיי, איז גענוג אַנ'אָבגעלעבטע „תלמוד-תורה״ מיט אַ קאַליקע אַ מלמד. דאָס קאָסט דאָך ביליג און מיט אַ פּאָר הונדערט מאַרק קומט מען אָב דעם חוב.

פון אַלגעמיין נאַציאָנאַלען און געזעלשאַפטליכען שטאַנדפּונקט

איז דאָס אָבער אַ פערברעכען, ווײַל אין ערציהונג און אין בילדונג ניטיגט זיך דאָס גאַנצע פאָלק.

מען דאַרף אויך נישט פערגעסען, אַז די אַלערלײַ לעהרער-קורסען און לעהרער-סעמינאַרען ווערען געגרינדעט און אויסגעהאַלטען פון געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, און עס קומט-אויס, אַז די אַלע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס פערזאָרגען מיט גוטע לעהרער און ערציהער די פערמעגליכע יחידים און נישט דעם גרויסען המון. די אָרימע יודישע מאַסען וועלען נישט אימשטאַנד אויסצוהאַלטען קײַן גוטע לעהרער און זײַ, די לעהרער, מוזען דאַרום געהן אין דער פריוואַטער שול, וועלכע איז סוף-כל-סוף אַ קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעהמונג. מענשען, וואָס געבען זיך אָפּ אַ דין-וחשבון פון דעם אמת'ן מצב פון אונזער פאָלקס-בילדונג און ערציהונג, מוזען מודה-זײַן אָן דעם פּרינציפּ, אַז די שול דאַרף זײַן אַ מלוכה- אָדער געזעלשאַפטליכע שול.

נאָר אַ מלוכה- אָדער געזעלשאַפטליכע קראַפט האָט די מעגליכקײַט (פערשטעהט זיך, בײַ אַן אַלגעמײַנער הסכמה פון'ם פאָלק) אײַנאָרדנען אמת'ע, ריכטיגע אינסטיטוציעס פון פאָלקס-בילדונג און פאָלקס-ערציהונג;

נאָר אַ ריכטיגע, געזונדע קולטור-אָרגאַניזאַציע, וועלכע ווערט געשטיצט פון די ברײַטע שיכטען פון פאָלק, קאָן בעפרידיגען די פעדאַגאָגישע און ערציהערישע פאָדערונגען פון הײַנטיגער צײַט און קאָן דינען די נאַציאָנאַלע אינטערעסען פון גאַנצען פאָלק.

---

## דער חדר.

ווען מיר קומען צום בעשלוס, אַז ערציהונגס- און בילדונגס-אינסטיטוציעס דאַרפען און קאָנען געגרינדעט און אויסגעהאַלטען ווערען. נאָר דורך דער מלוכה און דורך געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, שטעלט זיך ערשט אַרויס די פראַגע, וועלכע שולען דאַרפען מיר גרינדען און וואָס פאַר אַ פאָרמען דאַרף אָננעהמען אונזער יודישע קולטור-אַרבײַט?

עס מוזען דאַרום בעטראַכט ווערען די אַלע עקזיסטירענדע בילדונגס-

אין ערציהונגס־אינסטיטוציעס, כדי פעסטצושטעלען, וועלכע פון זיי ענטשפּרעכען די נאַציאָנאַלע, געזעלשאַפטליכע און פּעדאַגאָגישע פאָדערונגען.

און אָט, ווען מיר וועלען צוגעהן צום חדר מיט אַ ערנסטען מאַסשטאַב, אָהן פאָלעמיק און אָהן איבעריגער היץ, וועלען מיר מוזען מודה זיין, אַז ער האָט אָבגעלעבט זיין צייט, און אַז ביי היינטיגע לעבענס־תנאים, האָט ער שוין נישט קיין זכות־הקיום.

ווער זענען די אָנהענגער פון'ם חדר? דאָס זענען מייסטענס אָרטאָדאָקסען, וואָס ווילען באמת ערציהען אַ פרומען דור; אַ גרויסער המון, וועלכער איז אַליין נישט פרום, נאָר ער וויל דאָך זיינע קינדער ערציהען אין יודישען טראַדיציאָנס־גייסט, און אויך אַזעלכע, וואָס האַלטען, אַז דער חדר דאַרף רעפאָרמירט ווערען, נאָר ער דאַרף זיין אַן אָרט פאַר תורה, פאַר יודישער וויסענשאַפט.

צי האָט די מעגליכקייט דער חדר צו ערציהען אַ רעליגיעזען יודען? ניין! און די, וואָס בעהויפּטען, אַז יאָ, פעררופען זיך אויף'ן עבר, און האָבען דערביי אַ גרויסען טעות.

זעהר ריכטיג איז די הגהה, אַז דער חדר האָט געהאַט אַ גרויסע היסטאָרישע בעדייטונג. ער ווערט, אָבער, איבערגעשאַצט אפילו אין זיין עבר, בפרט ביי די איצטיגע תנאים.

די חסידים פון'ם חדר פערגעסען איין זאַך: אַז נישט דער חדר איז געווען דער צענטראַלער פונקט פון אונזער קולטור־לעבען, נאָר דער בית־המדרש און די פאַמיליע.

די היים, די פאַמיליע, דאָס איז געווען אַ רעליגיעזער און מאָראַלישער אינסטיטוט, וואו פון ערשטען טאָג פון קינדס־געבורט איז ער שוין געווען איינגעהילט אין אַ רעליגיעזען טלית.

עס האָט זיך אויסגעבילדעט די בעוואוסטע לעגענדע וועגען דאָס אידעאַלע קינד, וואָס מאַכט אַ ברכה „שהכל" איבער דער מילך פון דער מאַמעס ברוסט.

עס איז פאַר'ן קינד געפּענט געוואָרען אַ קוואַל פון רעליגיעזע ריינינגען. דעם מאַמענס שטענדיגע תפלות, מיט זייערע

הײליגע נגונים, דער מאַמעס פרומע איבערלעבונגען מיט זײער שטאַר־קער װירקונג, דער מאַמעס ליכט־בענשען, דער יודישער שבת מיט זײן גײסטיגער אַטמאָספערע, מיט זײנע פיעל־פאַרביגע נגונים, די יודישע ימים טובים, די ימים הנוראים, — דאָס אַלץ איז געװען אַ קװאַל פון ליכטיגע, שעפערישע איבערלעבונגען בײם קינד.

דער בית־המדרש, דאָס איז דאָך אַ אונענדליכקײט, פון װאַנען עס האָט אַרױסגעפלאָסען קולטור און יודישע בילדונג. דאָרטען האָבען זיך געהערט די האַרציגע יודישע תפלות דרײ מאָל אַ טאָג.

דאָרטען זענען געזעסען שענע יודען מיט טיעף־פער׳חלומ׳טע אויגען און האָבען געלערנט תורה מיט אַ גװאַלדיגען שענעם אָריגינעלען נגון; דאָרטען איז זיך צונויפגעקומען דאָס פאָלק און איז זיך געזעסען בײ די לאַנגע טישען אין מעריב, דרום און צפון זײט און האָבען געהערט משניות, עין־יעקב, די פרשה חומש מיט רש״י פון פערשידענע בני־תורה, װעלכע האָבען פאַר׳ן פאָלק געעפענט דעם קװאַל פון ליכט און יראת שמים; דאָרטען זענען געװען די בעװאוסטע פאָלקס־טריבונען, מגידים און דרשנים, װעלכע האָבען מיט זײער גרױסער רעדענס־קראַפט געװעקט דעם פאָלקס־גײסט, און געבראַכט איהם צו אַ גרױסען גײסטיגען, רעליגיעזען עקסטאַז, דאָרטען פלעגען די װאַנדערנדע פאָלקס־חזנים אױס־דריקען די אַלע פאָלקס־איבערלעבונגען אין זײערע האַרציגע תפלות־געזאַנגען. דאָרטען זענען געגרינדעט געװאָרען אַלערלײ קולטור־ און צדקה־חברות; די אַלע חברות ש״ס, משניות און תהלים, די חברה קדישא און גמילות חסדים א. ד. ג. — דאָס אַלץ פלעגט געגרינדעט װערען און טעטיג זײן א י ן און אַרום דעם בית־המדרש.

דאָ איז געװען דער גרױסער צענטר פאַר אַלע געקומענע, רײכע און אָרימע. דאָ האָט מען בעזאָרגט די אָרימע לײט, פון דאַנען האָבען בעלי־בתים זײ גענומען אויף שבת. מיט אײן װאָרט: דער בית־המדרש איז געװען אַ אונענדליכער קװאַל פון גרױסער, אַלזײטיגער קולטור און געזעלשאַפטליכער שאַפונג.

אָט די צװײ גײסטיגע קװאַלען האָבען אַרום זיך געשאַפען אַ גײסטיגע אַטמאָספערע, און דאָס האָט אויך געשאַפען דעם חדר, דעם

אינסטיטוט, וועלכער האָט אויך פאָרטגעזעצט די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון די צוויי גייסטיגע קוועלען.

די אַלע למודים אין חדר זענען געווען אָנגעטהון אין אַ לעגענ־דאַרער פאָרם; ארץ ישראל, די אָבות, דער באַרג סיני, משה רבנו, אליהו הנביא, די תנאים, רש״י, דאָס זענען געווען אַלץ נאָהנטע און האַרציגע נעמען, ווענען זיי האָט דאָס קינד געהערט אונצאָהליגע מאָל אין שטוב, און נאָכמעהר אין בית־המדרש פון די אַלערליי מגידים און דרשנים, פון דעם בין מנחה למעריב׳דיגען לערנען, צו וועלכען מען פלעגט זיך גאַנץ אָפט צוהערען.

דער עצם למוד איז געווען אַ אונגעהויערע פאָדערונג פון דער פאַמיליע. דער טאַטע און די מאַמע, די פעטערס און די מומעס, דער זיידע און די באָבע, אַלע זענען זיי געשטאַנען אויף דער וואַך פון דעם קינד׳ס ענטוויקלונג.

דער מלמד איז געווען אויך אַ יוד אַ ירא שמים, אַ בן תורה, וועלכער האָט ממלא־געווען באמונה זיין חוב, צו לערנען תורה זיינע תלמידים. ער, צוזאַמען מיט זיין גאַנצער סביבה, האָבען געהאַט איין יניקה, האָבען געשעפּט פון איין קולטורעלען קוואַל, און עס איז ממילא געשאַפען געוואָרען אַן אַלגעמיינע האַרמאָניע, פון וועלכער דער חדר האָט אויסגעפיהרט איין טייל און נישט דוקא דעם גרעסטען.

און אַ ווילדען טעות בעגעהען אַלזאָ די יעניגע, וועלכע שרייבען־צו דעם חדר די גאַנצע ערציהערישע השפעה, פערגעסענדיג דערביי די הויפּט־פאַקטאָרען פון דער גייסטיגער רעליגיעזער און מאָראַלישער ערציהונג.

וואָס איז פון דעם אַלעמען געבליבען? די יודישע פאַמיליע האָט לחלוטין איבערגעביטען איהר צורה און איהר תוכן. דאָס עקאָנאָמישע לעבען איז געוואָרען זעהר קאָמפּליצירט. אפילו אין דעם שטרענג־אָרטאָדאָקסישען הויז האָבען די מסחר־געשפּרעכען פערנומען דעם אָרט פון דברי־תורה. אויף דברי־תורה איז היינט קיין צייט נישטאָ ביי קיינעם.

עס הערען זיך נישט אין דעם יודישען הויז די שענע יודישע נגונים, עס פעהלט די אמת׳ע שבת־נשמה, עס איז נישטאָ קיין תורה לשמה, אויף אַלץ ליגט דער שטעמפּעל פון תכלית. די יודישע מאַמע

חלומ׳ט מעהרער וועגען א שעגעם מלבוש ווי וועגען דעם, אז „אידרע קינדערס אויגען זאלען אין תורה לייכטען״; אין מעהרסטענטיילס הייזער פערברענגט מען זעהר א סך צייט אין קארטען שפּיעלען, און די קינדער נעהמען אין דעם, אויף אזא אדער אנדער אופן, אנ׳אנטייל; דער יודישער טיש האט אויפגעהערט זיין א „מזבח אשר לפני ד׳״, וואו דער עיקר איז לויבען גאט און זאגען תורה; עס איז נישטא דער שטענדיגער אורח ביים טיש, עס איז נישטא דער ארימאן אויף שבת, אהן וועלכען א בעל־הבית איז נישט געגאנגען שבת צום טיש.

מיט איין ווארט, די שטוב, די פאמיליע איז ארים געווארען, זי איז געווארען וואכעדיג, געשעפטליך און תכלית׳דיג.

דער בית־המדרש איז געווארען א בית־תפלה, מען קומט אין איהם אבדאווגען, און דאס אויך נישט אלע טאג. אפילו שבת קומען אויך דאוונען הויפּטזעכליך עלטערע יודען.

דער עצם דאוונען האט אויך פערלארען זיינע התלהבות, זיין געשמאק; עס פעהלט אין איהם דער אמת׳ער נשמה־נגון, ווייל דער מתפלל אליין קומט אין בית־המדרש א וואכעדיגער, אהן עקסטאז. ער איז נאר מקיים א דין פון שלחן ערוך און נישט מעהר.

אויב אמאל איז ביי יודען געווען דער בית־המדרש א היים, וואו ער האט זיך שטענדיג געפונען, וואו ער האט געדאווענט דריי מאל א טאג, וואו ער האט געלערנט און גע׳דבק׳עט, וואו ער האט געפיהרט זיינע קהל׳שע געשעפטען, איז ער היינט ביי איהם א גאסט־הויז אויף זעהר א קלייגער ווייל. אין בעסטען פאל קומט ער אליין אין שול משבת לשבת. די קינדער געהען שוין כמעט נישט, אלענפאלס, נישט אלע זענען אין שול אפילו שבת.

די געשמאקע און זיסע יודישע אריגינעלע נגונים הערען זיך אלץ זעלטענער און דער גרויסער „עולם״ שפּייזט זיך נישט מיט זיי.

דער גרויסער המון פיהלט אינסטינקטיוו, ווי ארים מען איז געווארען, ער אנערקענט זיך הילפלאז בנוגע צו דער מעגליכקייט געבען זיינע קינדער גייסטיגע שפּייז און ער כאפּט זיך אן פאר א שטרוי, ער האלט זיך אן פאר׳ן חדר, וועלכער דארף איהם אויסלעזען פון זיין ארימקייט און הילפלאזיגקייט.

ער לעגט=אַרויף אויפ'ן חדר די גאַנצע לאַסט, וועלכע ער אַליין איז נישט בכוח צו טראָגען, און וויל זיך איינשמועסען, אַז דער חדר קען יעצט שאַפען דאָס, וואָס עס פלעגט פריהער געשאַפען ווערען דורך דער פאַמיליע און דעם בית=המדרש.

און דאַביי האָט מען אַזאַ ווילדען טעות און מען גלויבט, אָדער מען מאַכט זיך גלויבען, אַז דער חדר איז באמת אַ כל יכול, און אַז ער האָט טאַקע די מעגליכקייט צו בעווייזען נסים און נפלאות.

לעבענדיג אין אַזאַ ווילדען טעות, זעהט מען נישט, ווי דער חדר האָט אַבסאָלוט באַנקראָטירט אַלס אַ רעליגיעזע ערציהונגס=אַנשטאַלט.

דער מלמד איז אויך אַ מיטגליעד פון דער היינטיגער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער לעבט, ער מאַכט אַ חדר נישט צוליעב עולם=הבא, נאָר טאַקע צוליעב עולם הזה. דאָס איז ביי איהם אַ געשעפט, ווי אַלע געשעפטען. ווען ער וואָלט געווען אַ פעדאַגאָג אַ פאַכמאַן, מיט אַ ספעציעלער פאָרבערייטונג, וואָלט ער, אויב נישט אינגאַנצען, דאָך טיילווייז בעפרידיגט די פעדאַגאָגיש=ערציהערישע פאָדערונגען, נאָר אַזוי ווי ער איז פעדאַגאָגיש להלוטין אומפעהיג, און אָנשטאָט אַ חדר פון 8—10 קינדער, וועלכע ער האָט אַמאָל געהאַט ביי זיך, נעהמט ער היינט הונדערטער קינדער, און ער האָט שוין „קלאַסען" מיט בעזונדערע „אונטער=מלמדים", און ער איז שוין אַ „דירעקטאָר" פון אַ גרויסער ערציהונגס=אַנשטאַלט, פערשטעהט זיך, אַז דאָ בעגראָבט ער די זאַך אינגאַנצען. ווייל אויב מיט 10 קינדער האָט ער זיך נאָך געקאָנט ווי=עס=איז אַנ'עצה געבען, איז ער ביי אַזאַ שול=פיהרונג, וואו עס פאָדערט זיך אַ ספעציעלע הכנה און אַ געוויסע אינטעליגענץ, געווים אונבעהאָלפען און זיין גאַנצע אַרבייט געהט אַריין אין אַ געוויסער מעכאַניזאַציע: מען לערנט אויס עברי, מען לערנט אויס פערטייטשען אַ פרשה חומש, מען „בעאַרבייט" אַזוי, אַז עס זאָל לאָזען הויך אין די אויגען, און מען זאָל קאָנען מיט ריין אויסגע'חזר'טע מעכאַנישע קענטעניש פערדעקען די גייסטיגע עם הארצות, און קולטורעלע אָרימקייט. און אַזוי אַרום פאַלט אָב די האָפנונג פון די, וועלכע ווילען זעהן אין'ם חדר אַנ'אָרט פאַר רעליגיעזער ערציהונג און פאַר תורה לערנען. ווייל,

אַ חוץ דעם, וואָס תּורה לערנען קען דער, וועלכער איז אַליין בעגייסטערט פון איהר, און שטעלט זיך אַלס ציעל אַנדערע צו בעגייסטערן. דאַרף מען פשוט קאָנען איינאָרדנען אַזוי דעם חדר, אַז מען זאָל דאָרט קאָנען לערנען, און דערצו פאָדערט זיך פעדאַגאָגישע פאָרבעריייטונג. דערווייל ווערט דאָס ביסעל וואָס מען גיט דעם קינד, אַריינגעבראַכט אין איהם מיט עקזעקוציאָנס-מיטלען, די לייב-שטראָף הערשט אין חדר, ווי אין אַמאָ-ליגע צייטען, און די דאָזיגע מעטאָדע האָט אויך עפּעס צו זאָגען: מיט פּעטש און קולאַקעס קאָן מען קיין ליבע נישט אַרויסרופען צו דער תּורה, און קיין אַנדערע מיטלען האָט נישט דער מלמד, וועלכער איז נישט צוגעגרייט דערצו, און פאַר וועלכען דער חדר איז נישט מעהר, ווי אַ „קרדום לחפור בו“.

דער חדר קאָן היינט אַלזאָ נישט בעפרידיגען נישט דעם גרויסען המון, וועלכער געהט נאָך מיט דעם אויסגעטראָטענעם וועג, און וויל, אַז דער חדר זאָל „וויזען קונצען“, און געבען דאָס, וואָס די פאַמיליע און דער בית-המדרש האָבען געדאַרפט געבען, ער קאָן נישט בעפרידי-גען אויך מהאי טעמא די אָרטאָדאָקסישע יודען, ביי וועמען עס איז אויך 90 פּראָצענט פון גייסטיגען באַגאַזש פערלאָרען געגאַנגען, און ממילא האָט ער אויפגעהערט זיין אַ ערציהונגס-גורם. דאָס ביסעל וואָס דער חדר קאָן געבען, ווערט עס אויסגעוועפּט, נאָך איידער דאָס קינד קומט אין בעריהרונג מיט'ן לעבען. דער חדר קאָן אויך נישט בעפרידיגען די, וואָס זוכען אין איהם פשוט תּורה-לערנען, ווייל „רבי לא שנה, חיא מנין“?

---

## די יודישיסטישע שולע.

די יודישיסטישע שולע, דאָס איז אַ נייע ערשיינונג אויף דער יודישער גאַס. איגנאַנצען עקזיסטירט זי פון אָנפאַנג מלחמה. אַרויס איז זי אין גאַס מיט קולי-קולות, מיט רעש און שטורם און האָט זיך גלייך אַריינגעוואָרפען אין קאַמף, בעזונדערס געגען דער העברעאישער שולע...

צום אָנהויב איז דער יודישיסטישער פּראָגנט געוועזען אַ פּעראיי-

ניגטער פון בירגערליכע עלעמענטען צוזאַמען מיט סאָציאַליסטישע, און דעריבער זענען די ערשטע טריט זייערע געווען מעהר איינגעהאַל־טענע. עס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרען דער פּרינציפּ, אַז אַלע למודים זאָלען געלערנט ווערען אין יודיש, נאָר פאַר העברעאיש און תנ"ך זאָל אָבגעגעבען ווערען 12—15 שעה אַ וואָך.

דאָס איז אייגענטליך געווען אין דער טעאָריע. אין דער פּראַקטיק האָבען די יודישיסטישע לעהרער געטהון אַליך, כדי די העברעאישע למודים זאָלען פערקירצט און פערשמעלערט ווערען.

וואָס ווילען אַלזאָ די יודישיסטען ?

די יודישיסטען שטעלען אַרויס פאָלגענדע פּרינציפּען: די שול דאַרף צוגרייטען צום לעבען, די שול דאַרף געבויט ווערען אויף פּעדאַ־גאָגישע יסודות, די שול דאַרף זיין אַ וועלטליכע און לערנען זאָל מען אין איהר אויף דער מוטער־שפּראַך.

אייגענטליך, ווען מען נעהמט די אַלע הגהות אין אַלגעמיינעם, קאָן מען צו זיי קיין טענות נישט האָבען. דאָס זענען אמת'ן, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרען אין דער ציוויליזירטער וועלט.

עס לוינט אָבער אַ ביסעל טיפער אַריינטראַכטען זיך אין זיי, אַ בי־סעל אויפדעקען זייער אינהאַלט בנוגע צו אונזערע לעבענס־תנאים און דאַן זעהען מיר פאַר זיך אַ גאַניץ אַנדער בילד.

בכלל האָט אונזער משכילישע אינטעליגענץ אַן'אייביגען אָרגאַ־נישען פעהלער. געהמענדיג פון דער פרעמד געוויסע הגהות, טראָגט זי זיי אַריין צו זיך ממש ווי זיי שטעהען און געהען. עס אַרט איהר נישט, אַז די היימישע תנאים זענען אַ ביסעל אַנדערש ווי יענע, פון וואַנען מען האָט זיי, די הגהות, אַריבערגעבראַכט, עס אַרט איהר נישט, וואָס די היימישע סביבה פאָדערט אַ ספּעציעלע בעהאַנדלונג און ספּעציעלע, בעזונדערע רעצעפּטען. ניין, דאָס געהט איהר לחלוטין נישט אָן. זי האָט פאַר זיך אַ גרייטען פּסוק און גענוג.

דאָס איז געשעהן מיט די אַלע לאָזונגען, וועלכע עס זענען אַריינ־געטראָגען געוואָרען אין דער יודישער גאַס, דורך דעם נייעם סאָרט משכילים און דאָס איז געשעהן אויך מיט זיי אין דער פראַגע פון שול־בויאונג.

עס איז, דאַכט זיך, קלאָר, אַז די שולע דאַרף געבויט ווערען אויף פעדאַגאָגישע יסודות. ווער קאָן אין דעם לייקענען? אָבער צי הייסט דען די פעדאַגאָגיק בעזייטיגען פון שול־לעבען אוצרות פון פאָלקס־קולטור? איז דען די פעדאַגאָגיק אַ תורה, וואָס איז אָבגעריסען פון לעבען, וואָס פאָדערט, אַז דאָס לעבען זאָל זיך צו איהר צופאַסען? דאַכט זיך, אַז לאָגיש און פאַקטיש, בעדינגט די פעדאַגאָגיק די נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטליכע אינטערעסען און נישט פערקעהרט. די יודישיסטען האָבען פון פעדאַגאָגיק געמאַכט עפּעס אַ מין אָבגאָט, צו וועלכען מען טאָר זיך נישט צוריהרען. לויט זייער פעדאַגאָגיק טאָר אַ יודיש קינד קיין העברעאיש נישט לערנען. פאַרוואָס? ווייל דאָס איז „אַ פרעמדע, אָבגעשטאָרבענע שפראַך", אַזוי ווי לאַטיין און גריכיש. די טויטע שפראַכען זענען אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער רעפאָרמירטער אייראָפּעאישער שול, דאַרום דאַרף העברעאיש אויסגעשלאָסען ווערען פון דער יודישער שול. די אַנאַלאָגיע איז געמאַכט געוואָרען, דער טויט־אורטייל איז אונטערגעשריבען, און די האַנד טרוט אפילו נישט אַ ציטער. מען איז דאָך „וויסענשאַפטלער", די וויסענשאַפט הייסט אַזוי, און אונזערע יודישיסטען מיט זייער זעלטענעם הרך ארץ פאַר דער וויסענשאַפט, בויגען, כידוע, פאַר איהר דעם קאָפּ נידעריג...

די שול דאַרף צוגרייטען צום לעבען. דאָס איז, דאַכט זיך, אויך אַן אָנגענומענער אמת. אָבער דאָ מאַכען די יודישיסטען אַ שטיקעלע זויף, און מען מוז מודה זיין, אַז דאָס איז נישט בכוונה, נאָר, פשוט, צוליעב אונוויסענהייט.

זיי זאָגען, אַז די שולע גרייט צום לעבען. דאָס איז אָבער נישט ריכטיג. די שולע גרייט צו צו אַ פּראָפעסיע אין לעבען. און דאָס איז אַ געוואַלדיגער אונטערשיעד. די שול, לויט דעם בעגריף פון די יודישיסטען, איז אַ וועלטליכע, אַנ'אוטיליטאַרע, (אַ תכלית'דיגע), זי שטרעבט געבען דעם מענשען אַ שטיקעל פּראָפעסיע, זי וויל איהם אַ ביסעל פערגרינגערן דאָס לעבען דורך דעם, וואָס זי מאַכט איהם „גראַמאָטנע", זי גיט איהם די יסודות פון בילדונג, אַ מעגליכקייט צו פערנעהמען אַ געוויסע שטעלע אין לעבען. אָבער דאָס איז דאָך דער

מינימום. דאָס לעבען איז פיל טיעפער און ברייטער ווי די יודישיסטישע שול־טעאָרעטיקער ווילען דאָס; דאָס לעבען איז אַ ים פון איבערלעבונגען. אין לעבען זענען פאַראַן עליות און ירידות, צער און פרייד, דאגה און שמחה. דאָס נשמה־לעבען איז אַ פרוויזענדער ים. בערוהיגען דעם ים קאָן מען בשום אופן נישט מיט דעם ביסעל אַריטמעטיק און געאָגראַפיע, שטילען איהם איז לחלוטין אונמעגליך מיט די ידיעות, וואָס די הייגטיגע שול גיט. און עס קאָן זיין, אַז אַ קאַפּיטעל תנ"ך, אָדער עטליכע קאַ־פיטלעך תהלים מיט'ן יודישען נגון, וועלען יאָ בערוהיגען און פערהיילען די טיעפע וואונדען, וואָס דער מענש בעקומט אָפטמאָל פון דעם לעבען... די כתבי הקודש, די העברעאישע שפראַך, די אגדה, די שפעטערדיגע העברעאישע ליטעראַטור — זיי שאַפען דעם נויטיגען גייסטיגען באַגאַזש, וואָס מאַכט רייכער דאָס לעבען און פערשענערט עס, וואָס פערבריי־טערט דעם האָריזאָנט, שטאַרקט דעם מוט און מאַכט דעם מענשען פעס־טער אין זיין גייסטיגער „מלחמת־הקיום".

די יודישיסטען שטעלען אַרויס אַ הנחה, אַז די שולע דאַרף זיין געבויט אויפ'ן יסוד פון דער מוטערשפראַך. אין גרונד און בכלל איז עס, געוויס, אַ ריכטיגער געדאַנק. קלייבט מען זיך אָבער אַ ביסעל ערנ־סטער פונאַנדער אין אונזערע ספעציעלע לעבענס־בעדינגונגען, ווערט די זאַך נישט אַזוי פשוט.

מיר רעדען שוין נישט וועגען דעם, אַז די „מוטער־שפראַך" איז ביי יודען נישט אומעטום איינע און די זעלבע. אין פערשיעדענע לענדער האָבען יודען בעזונדערע „יודישע מוטער־שפראַכען" (שפּאַניאָליש, אַראַביש, פערסיש, טאַטאַריש א. אַ. וו.). נאָר אפילו אין די לענדער, וואו יודען רעדען „יודיש", איז דאָס איינפיהרען פון „יודיש" אַלס אַנ'־אונטערריכטס־שפראַך נישט תמיד פון די נאַטירליכע זאַכען. לערנען יודישע קינדער אויף „יודיש" הייסט שוין אין אַ געוויסער מאָס געהן געגען דעם לעבענס־שטראָם. פאַר אַ גרויסער מענגע יודישע קינדער איז שוין הייגטיגע צייטען „יודיש" נישט קיין מוטער־שפראַך, נאָר אַ „באַבע־שפראַך". כמעט פון טאָג צו טאָג ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער אין אַלע לענדער די צאָהל יודען, בעזונדערס יודישע קינדער, וואָס געהען איבער צו דער לאַנדס־שפראַך. ביי אונז אין פוילען קען „יודיש" בשום

אופן ניִשט בייִשטעהן איִן קאמף מיִט דער פויליִשער שפראך, וואס דריִנגט אריין אליץ מעהר אפילו איִן אזעלכע יודיִשע קרייזען, וואו מען האט נאך ביִז דער לעצטער צייט ניִשט געהאט קיין שום בעגריִף פון א פרעמדער שפראך. „יודיִש״ האט ניִשט איִן זיִך די טיִעפע היִסטאריִשע טראדיִציע, דעם צוזאמענבונד מיִט די ווארצלען פון דער פאלקס-נשמה, אז ס׳זאל קענען ווערען א כלי-זיין איִן דער מלחמה מיִט דעם גייסט פון דער ארומיִגער סביבה.

ווען די יודיִשיִסטען וואלטען ניִשט געווען אזעלכע דאגמאטיִקער, ווען זיי וואלטען ניִשט צוגעגאנגען צום יודיִשען לעבען מיִט זייערע פאר-אויסגעזעצטע כללים, מיִט זייער פריִהער בעשטיִמטען ארשיִן, וואלטען זיי צוגעקומען צו גאניץ אנדערע מסקנות. זיי וואלטען דאן פערשטאנען, אז די שולע, פאר וועלכער זיי פרעדיִגען און וויִלען זי איינפלאנצען איִן יודיִשען לעבען, איִז א לחלוטין פרעמדע שולע, אז זי איִז איִן תוך ניִשט יודיִש, אז מיִט דעם יודיִשען גייסט איִז זי פערבונדען נאר מיִט א קלייניִנקען, דיִנענקען פאדעם, וואס איִז יעדע מיִנוט גרייט זיִך איִבער-צורייסען.

אויב די יודיִשיִסטיִשע שולע פערנעהמט נאך יעצט א שטיִקעל פלאץ איִן יודיִשען לעבען איִז דאס דערפאר, ווייל די יודיִשע געזעל-שאפט, וועלכע געהט איִבער ביִסלעכווייז פון דעם חדר צו דער וועלט-ליִכער שולע, געפיִנט נאך ניִשט דעם ריִכטיִגען אדרעס פון זיין איינענער שולע, און פערבלאנדזעט טיילווייז איִן דער פאלסיִפיִציִרטער שולע, וואס האט פרעטענזיעס אויף דעם נאמען און אויף דער ראלע פון א יודיִשער פאלקס-שולע.

## די העברעאישע שולע.

די גריִנדער און אנהענגער פון דער העברעאיִשער שולע האלטען קודם-כל, אז דאס יודיִשע פאלק האט איִן זיין לאנגען היִסטאריִשען וועג, איִן אלע צייטען און איִן אלע תקופות, ג ע ש א פ ע ן, און זיין שאפען האט זיִך אויסגעדריִקט איִן ריִעזיִגע ווערק, איִן די ווערק פון דער קלא-סיִשער העברעאיִשער ליִטעראטור.

א גוואַלדיגע נאַציאָנאַלע ירושה ווערט איבערגעגעבען פון דור צו דור, און יעדער דור, וואָס נעהמט זי איבער, בעקומט פאַר זיך א גרויסע גייסטיגע שפייז. בערייכערענדיג זי מיט נייע אוצרות, גיבט ער זי איבער דעם וויטערדיגען דור, און אָט אַזוי ציהט זיך די גאָלדענע קייט פון דער יודישער היסטאָרישער קולטור.

די קלאַסישע ווערק פון אונזער ליטעראַטור זענען לוחות, אויף וועלכע עס זענען אויסגעקריצט געוואָרען אייביגע אמת'ן, וואָס האָבען די אונזען געשטאָכען דער אַלטער אָפגעשטאַנענער וועלט מיט זייערע פייערדיגע אותיות, און וואָס זענען א סימבאָל פון אייביגען זכען, פון אייביגען שטרעבען, פון אייביגער אונצופרידענהייט און אומרוה. זיי זענען אונזער עמוד האש, וואָס ווייזט אונז דעם וועג צו אַבסאָלוטער גערעכטיגקייט און צו אייביגע אמת'ן, אין זיי האָט זיך פערקערפערט די עלית-נשמה פונ'ם אידישען פאָלק, און אַלס אַזעלכע דאַרפען זיי אַוועקגעלעגט ווערען אַלס יסוד אין אונזער נאַציאָנאַלער, העברעאישער שולע.

צי קאָן מען באמת אַזאַ שולע אָנרופען „אַנטיפעדאַגאָגיש"? די אמת'ע פעדאַגאָגיק איז די, וועלכע נעהמט-אָן אַלע מיטלען, כדי אַריינצודרינגען טיעף אין דעם קינדס נשמה, און אַריינטראָגען אין זיין אינערליכער וועלט שטאַרקע און טיעפע איינדריקען.

די פעדאַגאָגיק פון די יודישיסטען איז א צו-פלאַכע. זיי האַלטען, אַז דעם קינדס נשמה איז אַנ'אָפענער בוך, אין וועלכען מען קען אויס-קריצען און אַריינשרייבען וואָס מען וויל. זיי פערגעסען, אַז דער גרעסטער טייל פון דעם מענשען'ס נשמה בעשטעהט פון אונבעוואוסטע, „בלא-יודעים'דיגע" מאָמענטען, אַז עס זענען אין איהר פאַרבאָרגען טויזענדער אינטימע זכרונות, וואָס ווילען אויפגעוועקט ווערען, אָהן א צאָהל געפיהלען, שטרעבונגען און נייגונגען, וואָס דאַרשטען ענטפלעקט צו ווערען. און אָט די אונענדליכע ספערען פון דעם אינטימען לעבען נויטיגען זיך אין עטוואָס גרויסעס, שטאַרקעס, רייכעס. מען קאָן די אויבערשטע טיילען פון דער נשמה, אויב עס איז ערלויבט זיך אַזוי אויסצודריקען, בעפרידיגען מיט א „קאָפּ-ווייסענשאַפט", מיט א ביסעל לעבענס-ערפאַהרונג; עס איז נישט אַזוי שווער אָנצוזעטיגען דאָס אָפענע,

קלאָרע בעוואוסטזיין; מען קאָן אָבער נישט בעפרידיגען מיט דערוועלבער שפּייז די טיפערע און איידעלערע שיכטען פון דער מענשליכער נשמה. יענע פאָדערען גאָר אַנ'אַנדער שפּייז, און פאַר אונז, יודען, איז נישטאָ קיין בעסערע שפּייז, ווי די געדאַנקען און געפיהלען, וואָס אונזער פאָלק האָט דורכגעפיהלט.

צו פערמאָגען מיר אַ בעסערען מאַטעריאַל, וואָס זאָל זיין אימשטאַנד אויפצוּוועקען די פערבאָרגענע, דורות-לאַנג אָנגעזאַמעלטע גייסטיגע קרעפטען, וואָס דרימלען אין אונז, ווי דער תנ"ך? צו קען אונז און אונזערע קינדער אויפהויבען צו דער העכסטער מדרגה פון מענשליכען עקסטאַז, פון התרוממות-הנפש, פון הייליגען צאָרן געגען זיך אַליין און געגען אַלעם בייזע, וואָס ס'איז נאָר פאַרהאַן אויף דער וועלט, ווי אונזערע „ספרי-הנביאים"? צו קענען און דאַרפען מיר, פון דער אַנדערער זייט, ערלויבען, זיך צו בעגנוגען מיט אַ איבערזעצונג אָדער אַ „איבערדיכטונג" פון תנ"ך אויף איין אַנדער שפּראַך, און מותר-זיין אויף זיינע וויכטיגסטע עלעמענטען, וואָס מוזען פערלוירען ווערען אפילו אין דער בעסטער, געלונגענסטער, געניאַלסטער איבער-זעצונג, און וואָס זיי פערנעהמען אפשר דעם גרעסטען און דעם טיעפ-סטען אָרט אין אונזער פאָלקס-נשמה?

אויף די אַלע פראַגען פערטראַכטען זיך נישט די פרעדיגער פון דער יודישיסטישער שולע. מען זאָל זיי הערען, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז עס האַנדעלט זיך דאָ וועגען אַ פאָלק, וואָס הויבט ערשט יעצט אָן זיין היסטאָריש לעבען, וואָס האָט נישט קיין קולטורעלען נעכטען, און וואָס מען דאַרף איהם יעצט האָטש צונויפשטיקעווען אַ ביסעל קולטור, ביז עס וועט זיך שטעלען אויף די אייגענע פיס...

זיך אָבזאָגען פון דער העברעאישער שפּראַך, פון דער שפּראַך פון תנ"ך און פון די אָריגינעלסטע שעפּפונגען פונ'ם אידישען פאָלק — הייסט זיך אָבזאָגען פון אונזער געשיכטע, פון אונזער נאַציאָנאַלען „איך", פון אונזער קולטורעלער ירושה.

דאָס יודישע פאָלק האָט אין פערלויף פון טויזענדער יאָהרען, ביי די גרעסטע אומגליקען, אָבגעהיט די העברעאישע שפּראַך, זי זאָל נישט פערגעסען ווערען, און איהר קראַפט זאָל נישט אָבגעשוואַכט

ווערן. יעצט, ווען דאָס פאָלק געהט־איבער צו אַ נייעם לעבען, ווען עס קריגט נייע מעגליכקייטען פון נאַציאָנאַלען שאַפען, הויבט זיך עס אָן צו נויטיגען אין דעם, אַז די שפּראַך, וואָס איז ביז אַהער געווען נאָר אַ ספרים־שפּראַך, זאָל ווערען די שפּראַך פון דעם לעבען.

די פּעדאַגאָגיק וועט אָבזוכען די נויטיגע מיטלען, ווי דאָס דורכ־צופיהרען און זי וועט מקיים זיין דאָס, וואָס עס ווערט פון איהר געפאָדערט.

און לעבערליך איז, אַז מען קומט צו אַזעלכע גרויסע ענינים מיט אַ קרעמערישער מאָס, מיט בעגריפען פון שווער און גרינג, לויט דעם „בעלי־בתי׳שען״ פערשטאַנד. אויף די דאָזיגע „השבונות״ פון שווערער און גרינגער וואָלט מען געקאָנט ענטפערן מיט די ווערטער פון יענעם ירושלים׳ער יונגעלע, וואָס האָט אויף דער פראַגע פון רבי יהושע, וועלכער וועג איז נעהנטער צו ירושלים, געענטפערט: „איינער איז אַ נאָהנטער און אַ וויַיטער, דער אַנדערער איז אַ וויַיטער און אַ נאָהנטער. די נאָהנטע וועגען פון די אידישיסטען פיהרען נישט „קיין ירושלים״, און ממילא נישט צו דער פאָלקס־גאולה...

אין דער דאָזיגער פראַגע דאַרף מען זיך רעכענען נאָך מיט אַ וויכטיגען מאָמענט, וואָס האָט אויך אַ גרויסע פּעדאַגאָגישע בעדייַטונג.

די לעצטע עטליכע צעהנדליג יאָהרען האָט דאָס פאָלק גענומען אין זייַנע הענד דעם ענין פון פערווירקליכען דעם אייביגען חלום און די אייביגע שטרעבונג פון׳ם יודישען פאָלק צו זייַן נאַציאָנאַלער גאולה. אַ פיבערהאַפטע אַרבייט ווערט דורכגעפיהרט אין פאָלק פאַר דער יודישער אויפלעבונג אין ארץ־ישראל. גרויסע מחנות פון חלוצים אויף דעם געביט פון פאָלקס־אויפלעבונג זענען אַרויס פון די ברייטע מאַסען, און די דאָזיגע מחנות וואַקסען פון טאָג צו טאָג. די יונגסטע, די שענסטע און די געזונדסטע פון פאָלק שטעלען זיך אין די ערשטע רייהען. אָהן אַ אויסערליכען הרוק, אָהן אַ צוואַנגס־מאָביליזאַציע קומען די קינדער פון גרויסען, ליידענדען פאָלק און מיט שוויים און בלוט בענעצען זיי די פעלדער פון אונזער לאַנד. דער רוח הקדש פון דער גרויסער פאָלקס־נשמה, וואָס שטרעבט צו דעם, אַז עס זאָל אויפגעבויט ווערען אַ „ירושלים של מעלה״, אַ ירושלים, אין וועלכער עס זאָלען אין לעבען פערקער־פּערט ווערען די גרעסטע און שענסטע אידעען פון די נביאים, רופט די

בעסטע פון פאָלק און ערוועקט אין זיי דעם שטאַרקען גייסט צו אויפלעבונג אויף אַלע געביעטען פון קולטור און לעבען.

די פראַגע פון „קבוץ־גליות“ הויבט־אָן צו ווערען אַ רעאַלע לעבענס־פראַגע, און צוזאַמען מיט איהר בעקומט אַ בעזונדער בעדייטונג די פראַגע פון דער אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך. די בעסטע פון דעם פאָלק האָבען נאָך צוריק מיט פערציג יאָהר פערשטאַנען און דערפיהלט, אַז מיר דאַרפען זיך בעפרייען נישט נאָר פון אונזער פיזישען, נאָר אויך פון אונזער גייסטיגען „גלות“, אַז מיר דאַרפען זיך אומקעהרען אין אונזער גייסטיגען „אַהיים“. בן־יהודה, דער ערשטער יוד אין אונזער תקופה, וואָס האָט איינגעפיהרט העברעאיש אַלס אַ לעבעדיגע שפּראַך אין קרייז פון זיין פאַמיליע, האָט געוויזען דעם ערשטען ביישפּיעל, און פון טאָג צו טאָג האָבען אָנגעהויבען צו וואַקסען אין ארץ־ישראל די צאָהל פאַמיליען, וואָס פיהרען־איין ביי זיך העברעאיש אַלס אַ אומגאַנגס־שפּראַך.

דאָס, וואָס עס קומט־פאָר אין ארץ־ישראל, האָט שוין אין אַ בעדייטענדער מאָס מַשפּיע־געווען אויך אויף די גלות־לענדער, וואו העברעאיש הערט־אויף צו זיין נאָר די שפּראַך פון דער פערגאַנגענהייט, וואו זי הויבט שוין אָן צו שפּיעלען אַ ראָליע פון אַ געגענוואַרטס־שפּראַך, און וואו אַלע יודען, וואָס ווילען פערבינדען זייער לעבען מיט דער יודישער צוקונפט, מוזען אַריינגעצויגען ווערען אין פּראָצעס פון דעם העברעאישען קולטור־לעבען.

די פּעדאַגאָגיק מוז זיך רעכענען מיט פאַקטען, מיט דער ווירקליכקייט. נאָר פאַקטען און ווירקליכקייט דאַרף מען פערשטעהן אַביסעלע ברייטער, ווי די יודישיסטען פערשטעהען עס. די היסטאָרישע זכרונות, וואָס זענען פערבונדען ביי יודען מיט דער העברעאישער שפּראַך, די ראָלע פון אונזער נאַציאָנאַלער שפּראַך אין אַלע תקופות פון אונזער היסטאָרישען לעבען, די שטאַרקע ענטוויקלונג פון דער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור במשך פון די לעצטע צעהנדליגער יאָהרען, דאָס שטענדיגע וואַקסען פון דער צאָהל יודען, און בעזונדערס יונגע יודען, וואָס הויבען זיך אָן צו בענוצען מיט העברעאיש אַלס מיט אַ לעבעדיגער שפּראַך אין זייער טאָג־טעגליכען לעבען, די אויפלעבונג פון

העברעאיש אין נײַעם ישוב אין ארץ־ישראל, מיט וועלכען עס זענען בײַם פאָלק פערבונדען אַזויפיעל האָפנונגען און פערספעקטיווען — דאָס זענען אַלץ פאַקטען, ערשײַנונגען פון יודישער ווירקליכקײַט, מיט וועלכע די פעדאַגאָגיק מוז זיך רעכענען, אויב זי וויל נישט ווערען אָבגעריסען פון דעם, וואָס עס טוט זיך נישט נאָר אויף דעם אויבערשטען שטח, נאָר אויך אין די טיפענישען פון דעם פאָלקס־לעבען. די יודישע פעדאַגאָגיק מוז זיך אָריענטירען אויף דער העברעאישער שולע.

די העברעאישע שולע, ווי אַלע אײראָפּעאישע שולען, רעאַגירט, זעלבסטפערשטענדליך, אויף אַלע ערשײַנונגען פון דער סביבה און פון דער נאַטור, און דאַרום ווערען די אַלגעמײנע למודים די נויטיגסטע עלעמענטען אין איהר. אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו דער אַלגעמײנער קולטור האָט אויך אַ שייכות צו דער העברעאישער שולע.

עס קאָן נישט זײַן בײַ הײַנטיגען טאָג קײן קולטורעלער מענש, וועלכער זאָל נישט האָבען געלערנט און פערשטאַנען קײן נאַטור־וויסענשאַפט, קײן מאַטעמאַטיק, קײן קולטור־געשיכטע א. ד. ג., דאָס זענען אַלץ עיקרים אין דער נײַער העברעאישער שולע, אָבער די העברעאישע שולע גיט צו, *אַז דאָס אַלץ מוז און דאַרף געלערנט ווערען אין העברעאיש.*

פערשטעהט זיך, אַז דער ענין פון גרינג און שווער געהט נישט אַרײַן אין אונזער חשבון, ווײַל מיר האָבען, ווי איך האָב שוין געזאָגט, טיפערע פּסיכאָלאָגישע מאָטיווען, וועלכע בערעכטיגען אונזערע שטרעבונגען אין דעם פאַל. די, וואָס מײנען, אַז תנ"ך קאָן מען יאָ לערנען אין העברעאיש און אַריטמעטיק, אָדער נאַטור־וויסענשאַפט נישט, האָבען אַ ווילדען טעות: גראַדע תנ"ך האָט צו טהון מיט געדאַנקען פון הפשטה און דעריבער איז דאָס שווערער פון אַריטמעטיק און נאַטור־וויסענשאַפט, וואָס זענען געבויט אויף רעאַלע בעגריפען.

דאָס שטרעבען צו גאַנצקײַט, צו אײניגקײַט, צו בעפרײַאונג פון אונזער צובראָכענקײַט און האַלבקײַט — דאָס מאַכט שטאַרק דאָס גאַנצע פאָלק, דאָס גלײַכט אויס דעם רוקען פון גאַנצען יודישען המון, און דאָס דאַרף און קאָן גאַנץ מאַכען און פערריכטען אונזער שול, די יודישיסטען שטרעבען אויך צו גאַנצקײַט, צו אײנהײַטליכקײַט, דאָס איז אָבער אַ גאַנצ־

שפּײַז די ייִדישע המונים, און פֿון װעלכע זײ האָבּען זיך יעצט אױך נישט אָבּגעזאָגט.

די העבּרעאישע שולע, זענענדיג אַלײן בּעגײַסטערט פֿון די שענקײַט און ערדאַבּענהײַט פֿון דער אגדה, פֿון דעם אײבּיג רײנעם קװאַל פֿון ליכטיגקײַט, װעלכען די אגדה פֿערמאָגט, טראָגט זי אַרײַן אין דער שולע, שטעלט זי אַװעק אױף פּעדאַגאָגישע יסודות און פּאַסט זי צו צום קינדערס פֿאָדערונגען און צום קינדערס פּסיכאָלאָגיע.

עס איז דאָ נאָך אַ װיכטיגע פֿראַגע אין דער ייִדישער שולע, װעלכע איז בּײַ די ייִדישיסטען אָבּגעפּסק'ענט געװאָרען לחומרא, דאָס איז די אַזױ גערופֿענע ר ע ל י ג י ע ז ע פֿראַגע. די דאָזיגע פֿראַגע דאַרף מען בּעטראַכטען אין תּוך אַרײַן און זיך פֿונאַנדערקלײַבּען אין אַלע איהרע פּרטים, װאָס זענען נוגע דעם ייִדישען לעבּען און דער ייִדישער ערציהונג.

די ייִדישיסטען זענען זיך אין אַלע ייִדישע פֿראַגען נוהג: „לתרגם פּסוק כצורתו" און אין דער רעליגיעזער פֿראַגע האָבּען זײ עס געטהון נאָך מיט מעהר פּשטות.

אין דער אײראָפּעאישער װעלט איז דאָ אַ לאָזונג: פֿערװעלטליכען די שולע. די רעליגיעזע ערציהונג איז אַ פּריװאַטע זאַך, װײַל די שולע דאַרף זײַן פֿאַר אַלעמען, סײַ פֿאַר פֿרומע און סײַ פֿאַר נישט־פֿרומע. רעליגיעזע ערציהונג טאָר פֿאַר קײנעם נישט זײַן קײן חוב. רעליגיע — אַ פֿרײַ, אינערליך געפֿיהל.

דאָס זענען זעהר ריכטיגע און אמת'ע געדאַנקען, װעלכע דאַרפֿען זײַן גילטיג אױך בּײַ אונז. נאָר דאָך איז דאָס נישט אינגאַנצען אַזױ. עס האַנדעלט זיך בּײַ אונז נישט װעגען רעליגיעזע מ ע ש י ם, נאָר װעגען אַזױ גערופֿענע „ר ע ל י ג י ע ז ע ל מ ו ד י ם". און דאָ מוז פֿעסטגעשטעלט װערען אַ היסטאָרישער אמת, אַז די ייִדישע שולע, ד"ה, דער חדר, האָט זיך קײנמאָל נישט בּעשעפֿטיגט מיט קײן רעליגיעזע מעשים, ער האָט געהאַט צו טהון נאָר מיט „תּורה לערנען". רעליגיעזע ערציהונג, אין געװעהנליכען זין פֿון װאָרט, װי דאַװנען א. ד. ג., דאָס האָט געטהון די פֿאַמיליע. אדרבּה, אַ חדר װאו מען האָט געדאַװענט מיט די קינדער איז געװעזען אַ עם־האָרצישער. די לעצטע יאָהרען, װען די רעליגיעזע מעשים האָבּען אָנגעהױבּען צו בּעקומען אַ כאַראַקטער פֿון דאָגמעס, פֿון

אַרויסבעקומען פון דעם קינד און אַנטפּלעקען אַלע זיינע כחות, סיי זיינע פיזישע און סיי זיינע גייסטיגע; אויב זי וויל אַז די שולע זאָל געבען דעם מאַקסימום וואָס זי קאָן געבען דעם קינד; אויב זי איז דורכגעדרונגען מיט דעם געדאַנק, אַז די קינדער־ערציהונג איז נישט קיין פּריוואַטע זאַך פון עלטערן, נאָר אַ נאַציאָנאַלער פאָלקס־ענין, דאַן דאַרף זי אָנווענדען אַלע איהרע מעגליכקייטען אויף צו קאָנצענטרירען ביי דער שולע די בעסטע פּעדאַגאָגישע קרעפטען, אַזעלכע וואָס שטעלען זיך די שענסטע און העכסטע ציעלען אין דער פאָלקס־ערציהונג, און וועלכע פערמאָגען הויכע פּעדאַגאָגישע אידעאַלען. כדי אַזעלכע קרעפטען זאָלען קומען אין דער העברעאישער שולע, דאַרף דער באָדען זיין צו דעם צוגעגרייט. די געזעלשאַפט דאַרף זאָרגען דערפאַר, אַז אַלע לעבעדיגע כחות, וואָס מיר פערמאָגען און וואָס ווילען זיך געטריי אָפּגעבען מיט ערציהונגס־אַרבייט, זאָלען קענען רוהיג דיענען זייערע אידעאַלען. די יודישע געזעלשאַפט דאַרף דורכגעדרונגען ווערען מיט דעם געדאַנק, אַז מען טאָר נישט מסיח דעת זיין פון דער שולע אויף איין מינוט. יעדער דאַרף זיך און זיין חבר פרעגען: וואָס האָבען מיר שוין אויפגעטהון פאַר דער שולע?

מען דאַרף בעשאַפען די נויטיגע אַטמאָספערע פון געזעלשאַפט־ליכער סימפּאַטיע און אינטערעס צו דער שולע. נאָר אויף אַזאַ אופן וועלען אונזערע פּעדאַגאָגען האָבען די מעגליכקייט אויפצוהויבען זיך אויף דער נויטיגער הויך און ממילא שאַפען דעם נוצליכען ערציהונגס־אינ־סטיטוט.

זאָל זיך די געזעלשאַפט ענג גרופּירען אַרום דער שולע, זאָל זי שאַפען פון זיך אַן־אידעאַל אָרגאַניזם, וואָס זאָל זיך שטעלען אַלס ציעל די נאַציאָנאַלע, העברעאישע פאָלקס־ערציהונג און די שולע וועט שאַפען וואונדער.

מצוות אנשים מלומדה, און די עלטערן האָבען אָנגעהויבען רעדען אַ סך פון תכלית, און מען האָט זיך אַלאָז געטהון מיט אַזאַ אימפּעט אין דער אַלגעמיינער שולע, אָט אין דער צייט האָט מען אַראָבגעוואָרפען פון זיך דעם גאַנצען יאָך פון דער תורה, און מען איז געבליבען ביי רעליגיעזע מעשים אָהן דעם גייסט פון רעליגיע. מען האָט געשטעלט די גאַנצע יודישקייט אויף אויסלערנען זיך דאַוונען, אַ ביסעל חומש מיט אַ פּאָר פּסוקים רש"י, מעביר סדרה זיין א. ד. ג. און דער חדר איז באמת גע־וואָרען, די לעצטע פּאָר צעהנדליגער יאָהר, אַ רעליגיעזער ערציהונגס־אַנשטאַלט, אין געוועהנליכען און געמיינעם זין פון וואָרט. נאָר דער חדר, אַלס אַנ'ערציהונגס־אַנשטאַלט, איז ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרען, האַלט שוין יעצט ביי זיין אמת'ער גסיסה. יעצט האַנדעלט זיך וועגען אַ שולע, וואָס זאָל ווערען אַ לעבעדיגער קוואַל פון לעבען און ערציהונג, און פון טיפסטער בעגייסטערונג. אין אַזאַ שולע דאַרפען די אַזוי־גערו־פענע ר ע ל י ג י ע ז ע  ל מ ו ד י ם פערנעהמען אַ וויכטיגען אָרט.

אין דער שולע דאַרפען אַריינגעטראָגען ווערען די עלעמענטען, וועלכע גיבען אַ מעגליכקייט, בעגייסטערען די גאַנצע לעבעדיגע נשמה פון קינד. עס דאַרפען אויסגענוצט ווערען אַלע וועגען, דורך וועלכע מען קאָן צוקומען צו די אַלע כחות הנפש, כדי צו פערשטאַרקען זיי און אַריינ־ברענגען, אַזוי אַרום, אין דעם גייסט די נויטיגע התלהבות, און דערוועקען אין איהם דעם שאַפונגס־עקסטאַז.

די יודישע רעליגיעזע למודים זענען, לויט זייער מהות, נישט נאָר אַ רעליגיעזער עלעמענט, נאָר אויך אַ נאַציאָנאַלער, און מיט דעם שיידען זיך אָב  ד י  למודים אין דער יודישער שולע פון די רעליגיעזע למודים אין דער אַלגעמיינער אייראָפּעאישער שולע.

מיר האָבען שוין גערעדט וועגען תנ"ך, וועלכער ווערט ביי אונזערע „פּראָגרעסיסטען" פערעכענט פאַר אַ רעליגיעזען למוד. מיר האָבען שוין אויפגעוויזען, ווי אומגעלומפּערט איז אַזאַ פאָדערונג, בעזייטיגען אַזאַ נאַציאָנאַלען קולטור אוצר, וועלכער פערמאָגט אַלע מעגליכקייטען צו בערידהרען אַלע כחות הנפש פון יודישען קינד, וועלכער צייכענט זיך אַזוי אויס מיט זיין אינהאַלט און פאָרם, אַז עס שאַפט די געזונדע און נאָרמאַלע בעגייסטערונג פאַר'ן אייביגען אמת, פאַר דער גערעכטיגקייט

און פאַר דער אייביגער מאָראַלישער שענהייט; מיר האָבען שוין אָנגעוויזען אויך אויף די וויטערדיגע קולטור־אוצרות פון פאָלקס־שאַפען, ווי משנה, הלכה און אגדה, וועלכע רופען זיך אויך אָן רעליגיאָנס־למודים, און וועלכע פערמאָגען אָבער אין זיך גאָטס פונק, צו אָנצונדען די נשמה פון קינד און געבען איהם, אַזוי אַרום, אַ זין אין לעבען.

ס'איז אמת, אַז פאַר פרומע יודען האָבען די זעלבע אוצרות, כמעט אַ ריין־רעליגיעזע בעדייטונג, אָבער צי צוליעב דעם ווערען זיי שוין געפּסל'ט, אַלס נאַציאָנאַלער קולטור־אוצר?

דאָסזעלבע קען מען זאָגען אויך וועגען די יודישע ימים טובים, וועלכע דאַרפען פערנעהמען זייער אָרט אין דער יודישער שולע. צי קאָן מען זיי צוגלייכען צו די אַלע ימים טובים פון דער קאַטוילישער אין „פראַוואָסלאַוונער” קירכע? דאָרטען זענען אַלע ימים טובים אויסשליסליך רעליגיעזע, און ביי אונז זענען זיי הויפּטזעכליך נאַציאָנאַלע, אַלגעמיין־מענשליכע אין אַ נאַציאָנאַלער פאָרם.

בעטראַכטענדיג אַלע אונזערע ימים טובים, געפינען מיר נישט אַזאַ, וועלכען מיר זאָלען נישט פערשטעהן און בעגרייפען אויך יעצט.

דער גרויסער יודישער יום טוב פסח, איז אַ בעפרייאונגס־ און אַ פריהלינגס־יום טוב. דער יום טוב קאָן בעגייסטערן אפילו נישט קיין יודען, ווייל אויב אַ היסטאָרישער רעוואָלוציאָנס־יום־טוב קאָן בעגייסטערן אַלע פריינעשטימטע מענשען פון אַלע לענדער און נאַציעס, דאַרף אַ נאַציאָנאַלער בעפרייאונגס־יום־טוב בעגייסטערן אַלעמען און אַרויסרופען דעם געהעריגען דרך ארץ צו איהם פון אַלעמען, בפרט פון די קינדער פון דעם פאָלק, וואָס האָט דעם יום־טוב איינגעפיהרט. אַנ'אינוועניגסטען שטאָלץ קאָן אַרויסרופען דער פאַקט אַליין, וואָס טויזענדער יאָהרען, ווערט אַ פאָלק בעגייסטערט פון אַ בעפרייאונגס־יום־טוב, דאָס האָט אַ מעגליכקייט צו געבען שפייז דעם וואַקסענדען דור אין אַלע צייטען און אַלע שיכטען פון פאָלק, בעזונדערס יענע, וועלכע הערען נישט אויף צו חלומ'ן וועגען בעפרייאונג פון דער גאַנצער מענשהייט פון איהר אַלגעמיינער קנעכטשאַפט.

און שבועות? איז דען דאָס נישט קיין אַלגעמיין־מענשליכער יום־

טוב? אַ פאָלק פייערט יאָהר איין יאָהר אויס אַ טאָג פון מתן תורה, אַ טאָג פון קולטור. איז דען דאָס אַ קנאַפּע שפּייז פאַר׳ן קולטור־מענשען פון היינטיגער צייט?

נעהמען מיר די איבעריגע ימים־טובים, זענען זיי פערבונדען אָדער מיט אַ נאַציאָנאַלער שמחה אָדער מיט אַ נאַציאָנאַלען טרויער. קאָן מען זיי אַלע צוגלייכען צו די ריין אמונה־ און קולט־ימים־טובים פון דער אַרומיגער וועלט?

און געהט מען צו צום סידור, וועלכער איז שוין געוויס אַ רעליגיעזער ספר, און מען בעטראַכט איהם נעהנטער, מוז מען דאָ אויך מודה זיין, אַז ער האָט אַ גרויסע בעדייטונג אויך פאַר יודען, וואָס זענען נישט רעליגיעז אין אַלגעמיינעם זין פון וואָרט. נעהמט, צום ביישפּיעל, אַזאַ אינגעהויער שענע תפלה ווי „ותן בלבנו בינה להבין ולהשכל, לשמוע, ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקים את כל דברי תלמוד תורתך באהבה, והאר עינינו בתורתך" א. אַז. וו.... נאָר גייסט־אָרימע קאָנען נישט נתפּעל ווערען פון אַזאַ שענער תפלה. דאָס איז דאָך אַנ׳אויסדרוק פון אַ טיעף בענקענדער נשמה נאָך ליכט, נאָך גייסט, נאָך ריינקייט און הייליגקייט. נאָר אויסער דעם, איז דאָך דער סידור אַ היסטאָרישער ספר־הזכרון. לערנענדיג יודישע געשיכטע מוז מען דאָך אָנקומען צו דעם ספר און אָנווייזען, אין וואָס עס האָט זיך אויסגעגאָסען דער יודישער גייסט במשך פון טויזענדער יאָהרען. דער סידור, אָט דער היסטאָרישער דאָקומענט איז דאָך דורכגעזאַפּט מיט בלוט און טרעהרען פון מיליאָנען קדושים פון אונזער פאָלק, וואָס זענען אומגעקומען על קדוש השם אין אונזער לאַנגען גלות־לעבען. צו דעם אַלעם מוז מען, פערשטעהט זיך, האָבען אַנ׳איבערגעגעבענעם געפיהל און דרך־ארץ פאַר דאָס, וואָס איז גרויס און שען.

די דאָזיגע וויכטיגע מאָמענטען ווערען אָבער לחלוטין איגנאָרירט פון די יודישיסטען. דער עיקר איז ביי זיי, אַז עס זאָל אויסגעהאַלטען ווערען דאָס פּראָגראַם, וועלכעס זיי האָבען בוכשטעבליך איבערגעטראָגען פון אַנדערע סביבות, נישט רעכענענדיג זיך מיט די איינענשאַפטען פון זייער פאָלק.

די העברעאישע שולע, האָט נישט און טאָר נישט האָבען קיין פּאַרטייאישע יאַרליקען. זי, אַלס ערציהונגס־אינסטיטוט, וועלכער וויל און

דאַרף זיך רעכענען מיט אַלע חינוך׳דיגע אוצרות פון פאָלק, דאַרף יעדע זאַך אויספאָרשען ווי עס דאַרף צו זיין, בעטראַכטען דאָס אַלזייטיג און ערשט דאַן אַרויסזאָגען איהר מיינונג און פערנעהמען איהר בעשטימטע שטעלונג. אַז מיר בעטראַכטען די פראַגע ערנסטער, מוזען מיר קומען צו דער החלטה, אַז די אַזוי אָנגערופענע רעליגיעזע מאָמענטען דאַרפען אַריינגעטראָגען ווערען אין דער העברעאישער שולע, און צוזאַמען מיט די אַנדערע אַלגעמיינע יסודות וועלען זיי שאַפען אַט די האַרמאָנישע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז נויטיג, כדי גייסטיג צו בעפרוכפערן דאָס יודישע קינד און אַזוי אַרום מאַכען איהם פאַר אַ שטענדיגען זוכער און בעגייסטערטען פאָרשער אין לעבען.

---

## די שולע אַלס קולטור-צענטר.

די העברעאישע שולע, די סינטעזע פון די אַלע פאָזיטיווע טיילען פון דעם בית-המדרש און חדר מיט די אַלגעמיינע קולטור-פאָדערונגען פון דער יעצטיגער צייט, נויטיגט זיך אין זעהר וויכטיגע תקונים בנוגע צו איהר אָרגאַניזאַציע.

קודם כל, מוז די יודישע געזעלשאַפט דורכגעדרונגען ווערען מיט דעם אַלטען יודישען געדאַנק, אַז **אַ שולע איז נישט נאָר פאַר קינדער, נאָר אויך פאַר גרויסע.**

אויב די שולע וועט זיין אָבגעריסען פון דער פאַמיליע, אויב די עלטערן וועלען זיך בעפרייען אינגאַנצען פון דעם יאָך פון ערציהען זייערע קינדער, וועט די בעסטע שולע געבען זעהר און זעהר קליינע רעזולטאַטען.

נאָכמעהר, אויב די עלטערן וועלען זיך אַליין נישט שטעלען קיין פאָדערונגען פון אייגענער השלמה און קולטור, אויב זיי וועלען נישט אָבגעבען קיין צייט פאַר זיך, אָדער, ווי ביי יודען רופט מען דאָס, קובע עתים לתורה, זיין, וועט די ערציהונג פון קינד זיין אַ האַלבע. די שולע אַליין, אָהן דער פאַמיליע, קאָן נישט בעפרידיגען אַלע פאָדערונגען פון דער ערציהונג.

נאָך אַ זאַך. יעדעס קינד קאָן זיך ענטוויקלען ווי עס דאַרף צו זיין נאָר דאַן, ווען עס זעהט פאַר זיך גוטע מוסטערן. אויב אַמאָל האָט דאָס גאַנצע פאָלק נאָך זיין וואָכעדיגער אַרבייט, זיך געלאָזען אין בית־המדרש, לערנען אָדער הערען תורה, האָט עס מיט דעם מעהר געווירקט אויף זיינע קינדער, ווי מיט זיינע מוסר־ווערטער. אַ לעבעדיגער ביישפּיעל רופט אַרויס לעבעדיגע נאָכאַהמונג מצד דעם קינד. עס מוז דאַרום ווערען אָבגעפרישט דער אַלטער מנהג, אַז דאָס פאָלק, אַלט און יונג, דאַרף לערנען. און אויב דער בית־המדרש איז געוואָרען בלויז אַ בית־התפלה, אַנ'אָרט נאָר אויף צו דאַווענען, דאַרף זיין אָרט פערנעהמען די שולע. די שולע דאַרף ווערען דער קולטורעלער צענטער פון דער סביבה. די שולע דאַרף עקזיסטירען נישט נאָר פאַר די קינדער, נאָר אויך פאַר זייערע עלטערן.

עס איז ביז יעצט איינגעפיהרט, אַז יעדער קלאַס האָט איין לעהרער. אויב עס זענען דאָ אין אַ שולע עטליכע קלאַסען, זענען דאָ עטליכע לעהרער. דערצו האָט זי נאָך אַ מנהל, וועלכער פיהרט אָן די גאַנצע שולע.

די פּראָגראַמע איז אויסגערעכענט געוואָרען אַזוי, אַז ביז דריי אַ זייגער ענדיגען זיך די למודים. נאָכדעם זענען די לעהרער פריי און נעהמען זיך צו פּריוואַטע לעקציעס, ווייל די שולע אַליין גיט זיי נישט זייער גאַנצע חיונה.

דאָ מוזען בּיסלעכווייז אַריינגעטראָגען ווערען תקונים. מען דאַרף אָננעהמען אַלע מיטלען, אַז די לעהרער זאָלען האָבען זייער גאַנצע חיונה פון דער שולע, כדי זיי זאָלען זיך קאָנען בעשעפטיגען, ערשטענס, מיט זייער איינענער השלמה, וועלכע איז די ערשטע בעדינגונג פאַר דער ריכטיגער השלמה פון דער שולע, צווייטענס, דאַרפען זיי זיך בעשעפטיגען מיט דער אַזוי גערופענער אויסער־שול־בילדונג, סיי מיט קינדער אַזוי אויך מיט דערוואַקסענע. ווען עס וועט זיין ביי יעדער שולע אַ גרופּע פּעדאַגאָגישע כחות, וועלכע וועלען זיך קאָנען אָבגעבען צו אַזאַ אַרבייט, וועלען זיי אָרגאַניזירען די עלטערן פון די שול־קינדער אַרום דער שולע, מיט וועלכער זיי וועלען פיהרען אַ קולטור אַרבייט. עס וועלען איינגעאָרדענט ווערען שטענדיגע און אָפטע פערזאַמלונגען פון עלטערן, אויף וועלכע עס וועלען ווערען בעטראַכט אַלערליי שול־ און ערציהונגס־פראַ־

גען, עס וועלן ווערן אַרומגערעדט די פֿאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן, וואָס האָבן אַ שײַכות מיט׳ן קינדס וואַקסן און ערציִונג. עס וועלן אײַנגעאָרדנט ווערן שטענדיגע און אָפֿטע ימים־טובֿים, סײַ פֿאַר קינדער און סײַ פֿאַר דערוואַקסענע, מיט בשותּפֿות׳דיגע כּחות פֿון דער געזעלשאַפֿט מיט די לעהרער. עס וועט ווערן אײַנגעאָרדנט בײַ דער שולע אַ ביבליאָטעק, סײַ פֿאַר קינדער, סײַ פֿאַר גרויסע, און דאָס וועט אויך דינען אַלס אַ צוציִונגס קראַפֿט פֿון דער אַרומיגער סבֿיבֿה. עס וועט אַזוי אַרום אַרײַנגעצויגן ווערן די גאַנצע געזעלשאַפֿט אין דער קולטור־אַרבייט. מיט איין וואָרט: די קינדער, די עלטערן און די לעהרער דאַרפֿן זיך גרופּירן אַרום דער שולע און ווערן אַ גײַסטיגער קאָלעקטיוו, וועלכער שאַפֿט און ערציִהט אי זיך, אי יענעם, און דער דאָזיגער קאָלעקטיוו קען ווערן אַ גרויסער קולטור־פֿאַקטאָר פֿאַר דער ברייטערער סבֿיבֿה, צוציִען צו זיך וואָס מעהר אינטעליגענטע קרעפֿטן און סתּם־יודען, וואָס עס דערוועקט זיך אין זיי דער דורשט נאָך וויסן און נאָך גײַסטיגער אַרבייט און לעבן.

דאָס זענען די אַלגעמיינע שטריכן פֿון דעם נײַעם געדאַנק, וועלכער וועט דאַרפֿן ערנסט בעהאַנדעלט ווערן פֿון אונזער זייט. די פֿאָרגעשריטענע כּחות פֿון דער יודישער געזעלשאַפֿט דאַרפֿן דאָס פֿערשטעהן און אָנהויבן ביסלעכווײַז צוטרעטן צו אָרגאַניזירען די אינטעליגענטע כּחות אַרום דער שולע, און שריט נאָך שריט צוציִען צו זיך די גאַנצע מאַסע.

כּדי מען זאָל קענען די אַלע אידעען פֿערווירקליכן אין לעבן מוזען מיר אָבער אומענדערן אונזער גאַנצע בעציִונג צום ענין פֿון שולע און קינדער־ערציִונג.

די יודישע געזעלשאַפֿט דאַרף אָנהויבן פֿערשטעהן, אַז אונזער גאַנץ לעבן, אונזער צוקונפֿט אַלס מענשען און יודען הענגט כּמעט אינגאַנצען אָב פֿון דעם, ווי מיר וועלן יעצט אָרגאַניזירען אונזער ערציִונג, וואָס פֿאַר אַ שולע מיר וועלן שאַפֿן, וואָס מיר וועלן אין איהר אַרײַנטראָגן, און וואָס פֿאַר אַ סבֿיבֿה מיר וועלן אַרום איהר שאַפֿן.

און אויב די יודישע געזעלשאַפֿט וויל, אַז די שולע זאָל ווערן אַן אמת׳ע ערציִונגס־אַנשטאַלט, אויב זי וויל, אַז די שולע זאָל קאָנען